**UNIVERSITY COLLEGE LONDON**

University of London

**EXAMINATION FOR INTERNAL STUDENTS**

For The Following Qualification:-

*M.A.*

**Hebrew G16: Yiddish Language**

| | | |
|---|---|---|
| COURSE CODE | : | **HEBRG016** |
| DATE | : | **16-MAY-06** |
| TIME | : | **10.00** |
| TIME ALLOWED | : | **3 Hours** |

06-N0083-3-30
© 2006 University College London

**TURN OVER**

HEBRG016: YIDDISH LANGUAGE

Answer ALL questions. Give answers in complete sentences. Write all answers in the booklets provided.

1. Rewrite the following passage in the past tense.
   [10 marks]

עס איז זומער. די פֿייגל זינגען אין דרויסן. די בלומען האָבן שיינע קאָלירן. קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק און לאַכן. די מאַמע זיצט אויף אַ בענקל און עסט שאָקאָלאַד. איר טעכטערל לויפֿט אין גאָרטן. זי מאַכט נישט איר היימאַרבעט, ווײַל זי וויל זײַן אין דרויסן.

2. Put the highlighted words into the plural form and make any other necessary changes.
   [10 marks]

1. די אַלטע **פֿרוי** זינגט שיין.
2. עס טוט מיר וויי די **האַנט**.
3. דאָס קליינע **הויז** איז נאָענט צו אונדזער הויז.
4. דער שלעכטער **דאָקטער** וווינט אויף מײַן גאַס.
5. דאָס שיינע **פּנים** איז רונד.

3. Insert the correct personal pronoun in the appropriate case.
   [5 marks]

1. מײַן חבֿר וויל ____ [איך] העלפֿן.
2. די לערערס רעדן מיט ____ [דו].
3. מײַן פּלימעניצע הערט ____ [ער] נישט.
4. איך וויל ____ [איר] נעמען אין שטאָט.
5. די באָבע קומט צו ____ [מיר] אויף שבת.

4. Fill in the correct form of the verb in the present tense.
[5 marks]

1. ער ____ [קענען] דעם ייִדישן אלף־בית.
2. זי ____ [וועלן] פֿאָרן אויף וואַקאַציע.
3. מיר ____ [פֿאַרשטיין] נישט דעם טעקסט.
4. זײַ ____ [זען] די שיינע קעץ.
5. דו ____ [זיצן] אויף אַ גרויס בענקל.

5. Insert the correct definite articles and adjectival endings.
[10 marks]

1. ער רעדט מיט ____ נײַ__ תּלמיד.
2. איך וויל העלפֿן ____ קראַנק__ קינד.
3. מיר טאַנצן אויף ____ פֿריילעכ__ חתונה.
4. די סטודענטן מאַכן ____ לאַנג__ עקזאַמען.
5. מײַנע עלטערן האָבן ליב ____ אַלט__ דירה.

6. Insert the correct comparative or superlative adjectives.
[10 marks]

1. דער טאַטע איז ____ [אַלט] ווי די מאַמע.
2. מײַן חבֿרטע איז ____ [הויך] ווי איך.
3. פּאַריז איז די ____ [גרויס] שטאָט אין פֿראַנקרײַך.
4. וואָס איז דאָס ____ [גוט] בוך וואָס דו האָסט געלייענט?
5. דײַן שוועסטער איז ____ [יונג] ווי דו.
6. מײַנע האָר זענען ____ [לאַנג] ווי דײַנע האָר.
7. משה איז דאָס ____ [קליין] ייִנגל וואָס איך קען.
8. מײַן צימער איז ____ [קאַלט] ווי אַלע אַנדערע צימערן אין הויז.
9. דאָס איז דער ____ [שלעכט] פֿילם וואָס מיר האָבן געזען.
10. מענדעלעס מעשׂה איז ____ [קורץ] ווי שלום עליכמס מעשׂה.

7. Carefully read the passage below and answer the questions that follow it in Yiddish and in your own words.
[15 marks]

## אַ בילד פֿון פּיקאַסאָ

אין מײַן צימער האָב איך אויפֿגעהאַנגען אַ בילד פֿון פּיקאַסאָ.

אַ שאָד אָבער אַז דאָס בילד איז ניט קיין אָריגינאַל נאָר אַ רעפּראָדוקציע.

אויף דעם בילד קען מען זען אַ פּאָרטרעט פֿון אַ פֿרוי - זייער אַן אינטערעסאַנטן פּאָרטרעט.

אויפֿן קאָפּ טראָגט די פֿרוי אַ היטל. דאָס בילד ווײַזט זי פֿון דער זײַט. מיט אַנדערע ווערטער: מע קען זען דעם פּראָפֿיל פֿון דער פֿרוי. איר צורה איז ניט סימעטריש.

די אויגן זײַנען רויט און ווײַס.

די ברעמען אָבער האָט פּיקאַסאָ געמאָלט מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרבן: די רעכטע מיט שוואַרצער און רויטער און די לינקע מיט רויטער און גרינער.

די נאָז איז אַ ראָזעווע.

די פֿרוי האָט געקראָגן פֿון פּיקאַסאָ אַ געל מויל. דאָס מויל איז צוגעמאַכט אַזוי אַז מע קען ניט זען די צונג און די ציין אויך ניט.

אירע האָר זײַנען באַהאַלטן אונטערן טיכל וואָס זי טראָגט אויפֿן קאָפּ. דאָך קען מען זען דעם לינקן אויער און אויך דעם האַלדז און די ברוסט.

אַלץ וואָס איז אונטער דער ברוסט און אַלץ וואָס איז אונטער דער הויט האָט פּיקאַסאָ באַהאַלטן פֿון אונדז און האָט ניט געמאָלט אויף זײַן בילד: די פֿיס, די קני, די ביינער, דעם פּופּיק, דעם בויך, די הענט, דעם רוקן אאַז"וו.

פּיקאַסאָ האָט באַהאַלטן נאָך עפּעס, אָבער מע קען עס געפֿינען אויף דעם בילד. מע קען דאָ אַנטדעקן דאָס פּנים פֿון אַ מאַן וואָס קוקט אויף דער פֿרוי. דאָס רעכטע אויג פֿון דער פֿרוי איז דאָס לינקע אויג פֿון דעם מאַן, און איר נאָז איז זײַן באַק.

איך ווייס ניט ווי די פֿרוי פֿילט זיך ווען דער מאַן קוקט אויף איר אָן אַ סוף און אָן אויפֿהער.

אָבער איך ווייס וואָס איך פֿיל ווען איך קוק אויף דעם בילד: כ'האָב הנאה.

1. וואָס פֿאַר אַ קולירן זענען די אויגן, די ברעמען און דאָס מויל פֿון דער פֿרוי?
2. וועלכע טיילן פֿון קערפּער פֿון דער פֿרוי קען מען זען אין דעם בילד?
3. וועלכע טיילן פֿון קערפּער פֿון דער פֿרוי זעט מען נישט אין דעם בילד?
4. וואָס נאָך איז דאָ אין דעם בילד אַחוץ דער פֿרוי?
5. האָסטו ליב פּיקאַסאָן? דערצייל פֿאַרוואָס אָדער פֿאַרוואָס נישט.

8. Write 12-15 lines in Yiddish on ONE of the following topics.
   [15 marks]
   a) Clothes and/or shopping
   b) An evening in a restaurant with friends
   c) What you used to do when you were a child (using the פֿלעג form)

9. You have unexpectedly been selected as the next Queen of England. Write 15-20 lines in Yiddish and using the future tense about what you plan to do once you become Queen.
   [20 marks]